Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

טי.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## יט.

מיינע עלטערן. כאטש זיי האבן פון מיר נישט דער־האַלטן קיין שום ידיעה, האבן פונדעסטוועגן געוואוסט אויף זיכער, אז איך וועל קומען, אזוי האָבן זיי דערנאָך אליין געזאָגט און צוויי זאכן זענען פאַר זיי געווען אַן אנזאג פון מיין קומען; אַ שפין איז אינדערפרי אראפּ פונם באַלקן אויף דרערד, און אונזער ווייסע קאץ האָט זיך געוואשן און גערייניקט. ס'הייסט, זי האָט געריבן מיט איר לאפּקע אָן מאָרדע. די קאַץ איז טאקי אַ טמאדיקע חיה, אבער וואס סאיז שייך צום טרעפן, איז נישטא קיין בעסערע נביא און טרעפער פון איר.

די מצוה פון דער בשורה איז ארייגעפאלן צו איינעם פון די יינגלך, וואס בלאנקען ארויאַ אין.

ס'האָט זיך צעשטורעמט די אָרימע וואוינונג! דער טאטע האט פארלאָזן דעם לערנטיש, אויף די ליפּן איז אים נאָך פארבליבן אַ ניגון־טראָפּ פון „פזר־סגול" און מיט זיינע גרויע אויגן קוקט ער זיך אין מיר איין אַ רגע, ווי ער וואלט זיך מיישב זיין, צי בין איך ווערט, ער זאל מיך ארומנעמען. נאר צולעצט פאלט ער מיר ארויף אויפן האלז! מיינע קליינע ברידער און שוועסטער, מיט אפענע מיילער צו קושן זייער „טייערן ברודער", שלעפן מיך אראפּ. די מאמע וויים גאר נישט, וואס טוט זיך מיט איר:

— אוי, ירמעלע, אוי, זון מיינער.. וואָס מאכסטו, וואָס מאכסטו, מיין זון? ר'איז געקומען... צוויי יאָר... צוויי יאָר... ירמעלע.. זון מיינער...

צו מיין פארוווּנדערונג האבן מיר טרערן געשטיקט אין האלז און איך האב נישט געקענט קיין קלאנג ארויסגעבן. מיט גרויסער שווערקייט האב איך זיך איינגעהאלטן פון ווײ־

נען. אלץ איז מיר אויסגעקומען אזוי מאדנע, אזוי נעבעכדיק... מינוטנווייז פלעג איך ווענדן די אויגן צום קליינעע שפיגלע, וואָס אויף דער וואנט, ווענדיק דערזען מיין געזיכטאויסדרוק. איך האב געהאט אין מיר יענץ געפיל, וואס איך פלעג פילן קינדווייז, ווען יינגלעך פלעגן מיך שלאָגן, און מיין טאטע, אנשטאט רחמנות צו האָבן אויף מיר, פלעגט מיך נאך שטארק באשטראָפן.

— דידאזיקע חכמה! — לאכט דער טאטע פון דער מאמען, נאכדעם, ווי ס׳איז אים נמאס געווארן צו ריידן מיט די הענט, ארו: צוגיין אהין און אהער, זיך איינקוקן אויף מיר און איבערהויפט אויף מיינע מלבושים — זי קען זיין אַ מיניסטערקע! זי שטייט און ווייס נישט, וואס ס׳טוט זיך מיט איר.. אַ, ברוך הבא, זי ווייבט שוין... נו, געקומען..· דיינע טרערן וועלן גארנישט אויפטאָן און גארנישט צוגעבן, און די אויגן ווערן דיר אזוי אויך קאליע.. בעסער זאָלסט דערווארעמען דעם סאמאוואר און מכבד זיין אונזער גאסט מיט אַ גלאָז טיי...

— ניין, ניין... — בין איך געשטאנען און זיך צוגעקוקט צו מיין מאמעס „קאל ע·געווארענע” אויגן — זארגט זיך נישט... מ׳דארף נישט קיין טיי...

— וויי צו מיר, ביסט אוודאי הונגעריק, מיין זון, — קלאָגט די מאמע.

— ס׳א פראגע! — ענטפערט דער טאטע פאר מיר — ווייסט וואס, יהודית? לאמיר אלע עסן מיטאָג. גרייט צום טיש... און איר. קינדער, — האט ער זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים — פארמאכט די חומשים און גייט אהיים. אמת, ס׳איז ערשט עלף אזייגער... נו, איר זעט דאך, אגאסט. .

די קליינע „שקאָצים”, אין וועמענס אויגן ס׳האט געבלישטשעט די האפענונג באפרייט צו ווערן פריער ווי אלעמאל פון דער ערשטער רגע, ווי איך בין נאר אריין אין שטוב, זענען נעלם געוואָרן אין משך פון עטלעכע מינוט. זיי האבן זיך אמת געשעמט פאר דעם פרעמדן, פארן רבינ׳ס זון, צו שפרינגען און לויפן, זיי האבן זיך אויך געהאלטן פאר אַ חוב

אנצונעמען מוט און צוגיין צום גאסט, אויך ארייננצושטעקן זייערע הענט אין מיינער, ווי אמין „שלום-עליכם״; דערפאר אבער האבן זיי אין איילעניש נישט געהערט דעם אָנזאָג פון מיין מאַמען „זיי זאָלן געדענקען זאָגן זייערע עלטערן, למען השם, אז דער רבי האָט געבעטן שכר-לימוד״.

ס׳איז געגרייט געוואָרן צום טיש. די באַלעבאָסטע האָט אַרויפגעלייגט ברויט, גאָפל און אַ שיסל פול מיט זויערע אוגערקעס. מיר האָבן געוואשן די הענט און אפגעווישט זיי מיט אַ נאס, האריק האנטוך. דער טאטע איז שוין געווען גרייט צו מאכן „המוציא״ אויפן גאנצן לאבן, ערשט זיין פנים האט זיך באדעקט מיט גרויס צער, און מיט א קול פון „אסור להפסיק״ האט ער אויסגעשריען אויף לשון-קודש:

— נו!.. סכין!..

די מאמע האט דערלאנגט נאך אַ גאָפל, און ווען זי האָט אים שוין אוועקגעלייגט אויפן טיש, האט זי באלד דערפילט איר טעות, וואס איז געקומען פון צעמישטקייט, און זי האט געקוקט אויף מיר ווי אויף איר מליץ-יושר. דער טאטע איז געווען אין כעס: ווי ס׳ווייזט אויס, האט אים די אויסערלעכקייט פונם גאסט גאר נישט צופרידנגעשטעלט. בעתן עסן האט ער קיין סך נישט גערעדט. דאקעגן דער מאמעס פראגעס וועגן מיין עסן, וואינונג און נאך טויזנטער פרטים פון מיין לעבן דאָרטן — זענען געווען אָן אַ סוף און אָן אן עק. און ווען זי האט זיך שוין אויך דערוווּסט וועגן די זאקן, וואס זי האט מיר מיטגעגעבן, ווען איך בין אוועקגעפארן קיין .N, האט זי מיר אנגעהויבן דערציילן די פרטים פון מיר לעבן: דעם לעצטן יום-טוב האט זי געקארגט מיט איינגעמאכטס; אלס „שכר לימוד״ פאר שמעון דעם קרעמערס מיידעלע, וועמען זי לערנט „עברי״, האט זי באקומען עטלעכע פונט ארבעס און באבפריידען, מיין קלענערער שוועסטער, וויל זי אפגעבן צו אַ זאָקנמאַכערן, זי זאָל זיך אויסלערנען דידאָזיקע מלאכה. דעם טאטנס מיינונג איז, אמת, אז ס׳איז בעסער זי צו מאכן פאר א „טישל-פארקויפערן, דאס הייסט, פאר א פארקויפערן פון

ווייבערשע צירונג און ענלעכע זאכן ביי א קליין טישל אין מאַרק — „דאָס איז אַ מסחר און נישט קיין מלאכה; דערביי קען מען שטייגן" — אָבער מיין שוועסטער אליין, נישט געקוקט אויף די אַרגומענטן פון מיין טאַטנס פויסטן, איז אַליין שטאַרק להוט צו „זאָקנמאַכעריי". וואָס איז מיין מיינונג? וועלכער „תכלית" איז אַ בעסערער? — איר פלוידערן האָט אויך נישט איבערגעריסן דעם טאַטנס שטעכיקע באַמערקונג, מיט וועלכער ער האָט אויף מיר אָנגעשריען הלמאי זי פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ, וועלכער איז פול גאָר מיט אַנדערע זאַכן"; זי איז אַזוי פול געוועזן מיט גליק, אַז זי האָט עס גאָר נישט געקענט באַמערקן. איר איז אָנגענעם צו רעדן מיט מיר — און זי רעדט.
צי איך הער יאָ, צי נישט — איר איז אַלציינס.

כדי איך זאָל אויך עפּעס זאָגן, האָב איך געפרעגט, ווי האַלט עס אין לערנען מיט מיינע קלענערע ברידער. דאַן האָט זיך די מאַמע אָנגעהויבן קלאָגן אויפן טאַטן, אז ער האט אינגאנצן אַראָפּגענומען די השגחה פון די קינדער. בערעלע גייט אין חדר שוין דריי זמנים און ער זאגט נאך שווערלעך „עברי", זי פארשטייט נישט וואָס איז געוואָרן מיטן טאַטן: עלטער, צי פוילקייט?..

—עט.., — האָט זיך דער טאַטע פאַרענטפערט מיט א מין שפּאָט — כ'האָב זיך אַרומגעזען: צו וואָס איז די גאַנצע מאטער־ניש? אַז זיי ווערן גרויס, טוען זיי סיי־ווי־סיי, וואָס זייער הארץ גלוסט...

— נו, נו... — האָבן דער מאמען נישט געשמעקט די אָנצוהערענישן פונם שמועס — וואס פאר א בייז, חלילה, טוען זיי, אז זיי ווערן גרויס?.. און איך בעט נאָר איינס: הלואי זאָלן די קלענערע נישט זיין ערגער פון אונזערע גרויסע... אלע דארפן דען זיין רבנים?..

— און איך וואָס? וואָס זאָג איך דען — כעסט זיך דער טאַטע — איך שעם זיך מיט אים?.. „רבנים" — וואס מיינסטו, ווי ווייט איז ער פון רבנות? בלויז איין טריט אויף יענער זייט... חכמה — „רבנים"!..

אַ שטילשווייגעניש.

— ירמיה איז גאר נישט אונטערגעוואקסן — באַמערקט איינע פון מיינע שוועסטער.

— נישט אונטערגעוואקסן ? — שאָקלט זיך דער טאטע אָפּ פון די מחשבות און גיט אויף מיר אַ דורכדרינגענדיקן בליק — אוי-הוי... בכלל, ע, בכלל זאָג איך... לויט מיין מיינונג... ירמיה האָט זיך נישט געענדערט — ס׳הייסט, ע-ע... נו, דאָס אַלץ איז נארישקייטן !.. דער עיקר... דער עיקר, ירמיה, דו הערסט ? כ׳פרעג דיך... איך, איך וויל דאָך די גאנצע צייט וויסן... וואָס מאכסטו ? וואָס מאכסטו — פארשטייסט ? וואָס מאכסטו אין „תוך״ ?..

— וואָס... גאָרנישט... כ׳לעב...

— לעבסט — פארשטייט זיך... אָבער איך וויל וויסן עפּעס אַנדערש... דו פארשטייסט... ענטפער... לערנען, לערנסטו גאָר נישט ?..

— ניין.

— ניין ?! באמת ?!.. איך, ירמיה, אינדעראמת׳ן, איך, ע... כ׳גלויב נאָך נישט... כ׳גלויב נישט... מיין שוואַכער מוח איז כלל נישט תופס, וויאַזוי פארלאָזט דאָס א מענטש אַ זאַך, אויף וואָס ער האָט געפטר׳ט זיין גאנץ לעבן ?.. און בכלל — צי דערפאר, ווייל ס׳איז „תלמוד״, טויג עס נישט ? און ווי איז, לויט דיין מיינונג, מ׳דאַרף דאָס שוין אינגאנצן נישט ? דו פארשטייכט, ירמיה ? וואָס האָסטו פאריבל ? יאָ, קענסט טאקי זיין ברוגז, וואָס תיכף, ווי דו ביסט געקומען, קום איך צו דיר מיט פרעטענזיעס... אָבער אין תוך אריין ביסטו דאָך נישט קיין שוטה : וואָס איז די נפקא־מינה ? איצטער, שפּע-טער — מ׳דארף דאָך וויסן... איך בין דאָך נישט ישראל דרדקי-מלמד... דיין מאמע זאָגט : אַלע דארפן דען זיין רבנים ? אדרבה ! איך האָב קיינמאָל נישט געהאט קיין חשק, זאָלסט דוקא זיין אַ רב ; לויט מיר נאָך, איז אַ רייכער סוחר און א למדן דערצו בעסער פון אַ רב... איך פארלאנג נישט, זאָלסט לערנען לשם מצוה, נאָר אזוי... און אַפילו בלויז ווי א השכלה-

זאַך... ווּעסט דאָך אויך מודה זיין, אז דאָס איז א חכמה ווי
אַלע חכמות... און אויסערדעם – ס׳איז גוט פאר גאָט און שיין
פאר לייט... וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס עסטו גאָרנישט?..
יהודית, גיב אים נאך אַ ביסל מילך... בקיצור דאס עסן איז
נישט קיין עסן פאר קיין גאסט... אבער וואס טוט מען? מיר
האבן דאך נישט געוואוסט, אז דו וועסט קומען, כאָטש מיר
פלעגן ווארטן אויף דיר יעדן טאג... און בכלל מיין איך, כאַ·
כאַ, אז אויך דארטן ביסטו נישט געווען קיין מפונק... נאר
דאס האט נישט צו דער זאך... דער עיקר, וויל איך זאגן,
זאגן... יאָ, ביי וואס האלט איך? דו האסט דאך מיר צוגע·
זאגט, אז די תּורה וועסטו קיינמאל נישט פארלאזן... יאָ... איך
גלויב נישט... און צום רב, ירמיה, דארף מען פונדעסטוועגן
אריינגיין... וועסט דאך, מן הסתם, אזוי אויך גיין צו עובדיה׳ן...
דו זעסט? עובדיה איז איצטער א מ ע נ ט ש ... געווען צייטן,
ווען אויך ער... אָבער האָט זיך אומגעקערט צום גוטן וועג,
כוף כל סוף... ער פאַלט אַריין אין אַ שמאַלץ·גרוב... פאַר·
שטייט זיך, דער טאַטע זיינער... אַ רב איז נישט קיין מלמד...
אָבער ווער ווייס, אפשר ווען דו וואָלסט געווען אינדערהיים –
וואָלט אַנדערש געווען... דו געדענקסט, ווי איך האָב זיך
געבעטן ביי דיר דאָ צו בלייבן, און דו האָסט מיך נישט גע·
פאָלגט... נו, וואָס געווען, איז געווען... איצטער... איצט... דו
ווייסט, ירמיה? איך הער דאָך נאָך אַלץ נישט אויף צו טרוי·
מען, אַז דו וועסט מיך סוף־כל־סוף אויסלייזן פון דער מלמדות...
ווען איך וואלט געהאַט אין האַנט איין מאה – וואָלט איך
אַוועקגעוואָרפן דידאָזיקע פרנסה בזויה... בלויז מיט אַזאַ סומע
וואָלט איך שוין געקענט שטייגן... וואָס, קיין געלט האָסטו
דאָך נישט? גאָרנישט? דו זעכט, יהודית, וואָס האָב איך נביאות·
געזאָגט? דו האָסט מיך געטרייסט, אָבער איך האָב תּמיד
געוואוסט דעם סוף!

– וואָס האָסטו געזאָגט! וואָס פאַראַ נביאות! וואָסער סוף!
וואָלסט שוין בעסער אויפגעהערט, שלום·געצל! ...אוי, אוי,
האָסטו פאַרשטאַנד... האָלסט זיך דאָך פאַר אַ חכם...

— וואס זאג איך דען, בהמה? וואָס טו איך? איך פאַל
דען אָן אויף אים, חלילה? איך זאָג אים דען שטראָפרייד? איך
בין זיכער, אַז ער וועט אַליין נישט זיין אין כעס אויף מיר
און אויף מיין שמועס... ווי ס׳זאָל נישט זיין, בין איך דאָך
זיין טאַטע... ער פאַרשטייט דאָך, איך מיין פון זיין טובה
וועגן... און וואָס רעד איך דען?.. אדרבה, איך פריי זיך
שטאַרק מיט זיין קומען... איך פריי זיך זייער... אָפט פלעגן
אויף מיר אָנקומען מינוטן ממש נישט צום אויסהאַלטן... אוי,
ירמיה האָט דאָ געדאַרפט זיין; אוי, איך וויל זען ירמיהן!
און אָט איז ער געקומען, ברוך השם, און וואָס נאָך?... איך
רעד סתם... אין דער וועלט אַריין... יאָ... נו, דערלאַנג, יהודית.
מים אחרונים!.. (קיינמאָל היט עס גאָרנישט אָפּ, אבער דא
האט ער גראד געפונען אַ פּאַסיקע צייט אויך דאס אפצוהיטן)
מירן בעטן... צום רב, ירמיה, וועסטו אַריינגיין צו אַנדערש
מאָל... איצטער לייג זיך און רו אָפּ...

און ווען איך בין אין אַ פערטל שעה ארום געלעגן אויף
דער קאַנאַפּע מיט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געקענט, צוליבן
שטארקן קאַפּ-ווייטאק, איינשלאפן, האָבן מיר געקלונגען אין
די אויערן די קולות פון די שכנטעס, וועלכע זענען געקומען
פייל פון בויגן איינע נאָך דער אנדערע באָרגן עפּעס און
האָבן דער מאמען געוואונטשן: „מיט ליב אייך אייער גאַסט!".
זיי האָבן, האלטנדיק אין די הענט די טעפּלעך, די טעלערס
און די מולטערס, וואס זיי האָבן געבארגט ביי דער מאמען,
מיך באַטראַכט מיט שאצנדיקע און דורכדרינגלעכע בליקן און
האבן אַרויסגעזאגט דעם איינדרוק, וואס איך האב אויף זיי
געמאַכט, און זייערע קוקן אויפן לעבן, אויף קינדער און
אויף גליק בכלל — אַלץ אויף איין מאָל. און די מאַמע מיינע
האָט אויספּיינענדיק זיך מיט איר גרויסקייט, אַ סך גערעדט
וועגן איר שטענדיקער זיכערקייט, אַז „איר ירמיה" וועט זי
אייביק נישט פאַרגעסן, אַז ער איז נישט, ווי אַנדערע, וועלכע
געדענקען נישט דאָס גאַנצע בלוט און טרערן, וואָס די מאַמעס
האָבן אויף זיי פאַרגאָסן, און אַז... פונדעסטוועגן איז איר,

סוף כל סוף, נישטאָ וואָס מקנא צו זיין: איר גליק איז נישט פולשטענדיק, זי זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. וואָלטן מיר געווען עשירים, וואָלט געווען די מעגלעכקייט מיר צו דערפירן צום ציל, — דאַן וואָלט איר גליק געווען אַן אַבסאָלוט גליק. אָבער איצט... כ׳בין תמיד געווען געצוואונגען אַרומצו־וואָגלען ווי אַ פויגעלע פון זיין נעסט... און אַז איך בין שוין ענדלעך געקומען — — איז טאַקי די שמחה גרויס... אַז אַך און וויי צו איר!..